# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע



**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:42
מוצאי שב"ק...................6:14


**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................ישעיה מ"ח-מ"ט
בבלי......................מועד קטן י'
ירושלמי.................בבא קמא א'
תוספתא..................סנהדרין ח'
רמב"ם......................שגגות ו'


פרשת יתרו, כ' שבט, שנת תשפ"ב לפ"ק

שנה 11, גליון 21 (536)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ כֹּהֵן מִדְיָן, אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנֶען מִיר אִיבֶּער קַבָּלַת הַתּוֹרָה, וִוי אַזוֹי מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן בַּארְג סִינַי, אָבֶּער צוּם עֶרְשְׁט דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי תּוֹרָה אַז יִתְרוֹ, דֶער שְׁוֶוער פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, הָאט גֶעהֶערְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִי אִידְן, אוּן עֶר אִיז זִיךְ גֶעקוּמֶען מְגַיֵּיר זַיין; דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס מַאכְט דִי תּוֹרָה דִי הַקְדָמָה קוֹדֶם וֶועגְן יִתְרוֹ, אֵיידֶער מִיר הֶערְן אִיבֶּער קַבָּלַת הַתּוֹרָה?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד) "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל. גְלַייכְצֵייטִיג זָאגְט אוֹיךְ דֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מ"ח) וֶוען אַ אִיד וִויל אָנְהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג. עֶס אִיז גָאר וִויכְטִיג פַארְ'ן מֶענְטְשׁ צוּ זַיין אַלְץ פְרֵיילִיךְ, דָאס הֶעלְפְט אִים שְׁטֵייגְן אוּן וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נָאךְ וִויכְטִיגֶער אִיז עֶס וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מְקַיֵּים זַיין מִצְווֹת, דֶעמָאלְט דַארְף אַ אִיד זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, זִיךְ פְרֵייעֶן אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א') "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", וֶוען אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה פְרֵיילִיכְקֵייט, וַוייזְט דָאס אַז זַיין הַארְץ אִיז גַאנְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ, אַיינְרֶעדְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן, עֶר טְרַאכְט 'וָואס אִיז שׁוֹין וֶוערְד מַיין תּוֹרָה? וֶוער דַארְף דֶען מַיין דַאוְוענֶען? וָואס אִיז שׁוֹין חָשׁוּב דִי מִצְווֹת וָואס אִיךְ טוּ? אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ אִיז דָאךְ פוּל מִיט בִּלְבּוּלִים אוּן מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת, אַלֶעס אִיז דָאךְ אַזוֹי נַארִישׁ אוּן נִישְׁט חָשׁוּב', דָאס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ, דָאס וֶועט אִים דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט פַארְלִירְן דֶעם אַפֶּעטִיט פוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' צוּ זַיין מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט, יֶעדֶע קְלֵיינִיקְייט אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַרַיינְכַאפְּן נָאךְ אוּן נָאךְ פִיל גוּטֶע זַאכְן.

וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט פַארְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז זֵיי זֶענֶען אַזוֹי וַוייט פוּן דַאוְוענֶען, עֶס קוּמְט זֵיי אָן אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ דַאוְוענֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "קוּקְט אָן אַ גֵר וָואס הָאט זִיךְ מְגַיֵּיר גֶעוֶוען, וִוי עֶר שְׁפִּירְט אַזַא גְרוֹיסֶע זְכִיָּ' אַז עֶר קֶען פָּשׁוּט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם דַאוְוענֶען פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיז בָּרוּךְ שֶׁאָמַר" (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קכ"א). וָואס מֶען טוּט נָאר אַ גוּטֶע זַאךְ, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וֵוייניג אוּן קְלֵיין, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס אַזוֹי פָּשׁוּט, אִיז עֶס מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט דֶעם, דָאס אִיז דִי שְׁלֵימוּת פוּן אַ מִצְוָה, אַז מֶען טוּט עֶס מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס שִׂמְחָה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

דֶערְפַאר דֶערְצֵיילְט אוּנְז קוֹדֶם דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה **וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ עַל כָּל הַטּוֹבָה אֲשֶׁר עָשָׂה ה' לְיִשְׂרָאֵל**, יִתְרוֹ הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיט אַלֶע טוֹבוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִי אִידְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ל"ד) אַז גֶעוֶוענְלִיךְ אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע פְּרַט בַּאזוּנְדֶער, מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ עֶקְסְטֶער, אָבֶּער יִתְרוֹ הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט עַל כָּל הַטּוֹבָה, מִיט אַלֶע טוֹבוֹת צוּזַאמֶען, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן מִיט דִי אִידְן.

דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אֵיידֶער מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע מִצְוָה פוּן דִי תּוֹרָה וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה מְקַיֵּים צוּ זַיין, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי עֶס זֶעט נָאר אוֹיס. אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעט אַז אַנְדֶערֶע אִידְן זֶענֶען מֶער מַצְלִיחַ אִין עֲבוֹדַת ה', טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, נִישְׁט וֶוערְן צֶעקְלַאפְּט פוּן אַ צְוֵוייטְן, נָאר קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוֹיף וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אִין הֵיילִיגְן סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה זָאגְט עֶר אַז דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת מִיט אַ לְשׁוֹן יָחִיד, אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ וְגוֹ', אוּנְז צוּ לֶערְנֶען אַז יֶעדֶער זָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט זַיין מַדְרֵיגָה, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', הַקְדָמָה) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ל"ג, כ"ד) **אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם**, אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיינֶער אַלֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע, אוּן דָאס דַארְפְן מִיר אוֹיךְ נָאכְמַאכְן.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מִיר טוּעֶן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, וֶועלְן מִיר וֶוערְן גְרוֹיסֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן עֶס וֶועט אוּנְז גוּט זַיין אַלֶעמָאל. (תּוֹךְ הַנַּחַל יִתְרוֹ תשע"ג)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### זַיי מִיר מוֹחֵל

מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי"ם טֶעג, וֶוען יֶעדֶער אִיד קֶען גְרִינְג תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי פַּאסִיגְסְטֶע צֵייט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס מֵיינְט אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְ'ן מוֹיל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעטוּן, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף דֶעם. אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעטוּן דִיר צוּ דֶערְצֶערְנֶען, נָאר וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף מִיר", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער זָאל מֶען זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בֶּאֱמֶת וִויל מֶען זַיין ווֹאויל.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פַארְדִינְט פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט שְׁטְרָאפְן, עֶר נֶעמְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת. חַזַ"ל זָאגְן (סִפְרָא פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי) אַז אִין דִי מִינוּט וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ זִיךְ מְרַחֵם אוֹיף אִים. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל נָאר אֵיין זַאךְ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַרָאפְּבֵּייגְן דֶעם קָאפּ פַאר אִים אוּן זָאגְן אַז עֶר וִויל זַיין גוּט. דֶער פָּסוּק זָאגְט (הוֹשֵׁעַ יד, ג) "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'", זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי חַזַ"ל (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא, פֶּרֶק כ"ד) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר וֶוערְטֶער. עֶר וִויל נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּ אִים אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין, אוּן דַאן וֶועט עֶר אִים שׁוֹין מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ אִיד טוּט חַס וְשָׁלוֹם אַן עֲבֵירָה, וֶוערְט דָאס אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל לב, כז) "וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם חֲקוּקָה עַל עַצְמוֹתָם". אוּן דָאס מַאכְט אַז דִי בֵּיינֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זָאל צוּבְּרָאכְן וֶוערְן. דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער אוּן טְרוֹיעֶרִיגֶער מֶענְטְשׁ. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אָבֶּער אַרוֹיס מִיטְ'ן מוֹיל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַאן גֵייעֶן אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע צָרוֹת, אוּן עֶר וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ.


<<<<<<


## א גוט ווארט

בַּיי אַסַאךְ יוּנְגֶע קָאפְּלְס אִיז אַזוֹי, נָאךְ דִי חֲתוּנָּה דַארְף זִיךְ אַבִּיסְל זֶעצְן דָאס לֶעבְּן; אַ טֵייל הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוֹיסְצוּוַוארְטְן, פַאלְן זֵיי אַרַיין אִין אַ גְרוּבּ, אָבֶּער דִי וָואס וַוארְטְן אוֹיס אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֶערְן עֵצוֹת פוּן צַדִּיקִים - בַּיי זֵיי וֶוערְט דָאס לֶעבְּן שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער יֶעדְן טָאג.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּשַׁלַּח תשפ"ב)

## בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# טְשֶׁעפֶּען, פְּלִיקְן, אוּן שְׁטֶעכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֵיין עֵצָה אִיז דָא אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת: "הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה"; נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה. וֶוער עֶס הָאט אִין זִיךְ דִי מִדָּה פוּן טְשֶׁעפֶּען, פְּלִיקְן, שְׁטֶעכְן מִיט וֶוערְטֶער, - דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ, חוֹדֶשׁ נָאךְ חוֹדֶשׁ - בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד שְׁמוּאֵל אַייזִיק, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אֵיינְמָאל הָאט אִים דֶער רֶבִּי אָנְגֶעכַאפְּט בַּיים הַארְץ אוּן גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמא): "שְׁמוּאֵל אַייזִיק, שְׁמוּאֵל אַייזִיק, וֶועגְן אַבִּיסְל בְּלוּט זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט? קְרֶעכְץ עֶס אוֹיס!"

וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, אַז אַלֶעס קוּמְט זִיךְ אִים אוּן עֶר אִיז אֵייבִּיג גֶערֶעכְט, דָאס מַאכְט עֶר זָאל גְרִינְגְשֶׁעצְן אִין אַנְדֶערֶע, עֶר רֶעדְט שְׁטֶעכֶעדִיג אוּן פְּלִיקֶעדִיג; דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן דִי הֵייסֶע בְּלוּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דִי עֵצָה אִיז, מֶען זָאל נֶעמֶען דִי הֵייסֶע שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּט אוּן דָאס אוֹיסְלַייטֶערְן דוּרְךְ זִיךְ אוֹיסְקְרֶעכְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן אַ מַתָּנָה "הִתְבּוֹדְדוּת", אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת; דָאס זוֹיבֶּערְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה): "דִי לַייט פוּנֶעם קֶענִיג הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן, הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן דֶעם פְרוּמֶען בַּעַל תְּפִלָּה זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִי מְדִינוֹת זֵיי אוֹיסְרֵיינִיגְן פוּן זֵייעֶר שְׁמוּץ", דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דָארְט אִיבֶּער אַלֶע כִּיתּוֹת וָואס הָאבְּן גֶענוּמֶען תַּאֲווֹת רָעוֹת אוּן עֲבֵירוֹת, אוּן גֶעמַאכְט דֶערְפוּן אַן אֱמוּנָה, נִישְׁט נָאר זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי תַּאֲווֹת, נָאר עֶס אִיז גֶעוָוארְן בַּיי זֵיי וִוי אַ שִׁיטָה, זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אַז אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן אוּן דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית, דָאךְ הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זֵיי אַלֶע אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט; וַוייל תְּפִלָּה אִיז אַזַא שְׁטַארְקֶע זַאךְ, וֶוער עֶס בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן - אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט, דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד: "שְׁמוּאֵל אַייזִיק, שְׁמוּאֵל אַייזִיק, וֶועגְן אַבִּיסְל בְּלוּט זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט? קְרֶעכְץ עֶס אוֹיס!"

דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי פַאר יֶעדְן פוּן אוּנְז, קֶענְסְט עֶס זָאגְן פַאר דִיר מִיט דַיין נָאמֶען: "... ... וֶועגְן אַבִּיסְל בְּלוּט זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט? קְרֶעכְץ עֶס אוֹיס"; רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט רֶעדְן שְׁטֶעכֶעדִיג, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַנְדֶערֶע; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן גוּטֶע מִידוֹת, אִיךְ זָאל קֶענֶען לַיידְן יֶעדְן אֵיינֶעם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִידוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּשַׁלַּח תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

דֶערִיבֶּער זָאגְן מִיר אֵייבִּיג דִי וִדּוּי בַּיים דַאוֶוענֶען לוֹיט דִי א׳ ב׳ – אָ'שַׁמְנוּ בָּ'גַדְנוּ גָּ'זַלְנוּ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוּן דִי זֶעלְבֶּע בַּיי דִי לַאנְגֶע "עַל חֵטְא'ס" גֵייט עֶס אוֹיךְ לוֹיט דִי א׳ ב׳. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען נוּצְט דִי אוֹתִיּוֹת אוֹיף זִיךְ מִתְוַודֶה צוּ זַיין, מִיט דֶעם גֵייט אַרוֹיס דִי אַלֶע אוֹתִיּוֹת פוּן דִי בֵּיינֶער.

וַוייל דָאס זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אוּן עֶס הֶעלְפְט אַזוֹיפִיל פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אַזוֹי מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין יֶעדְן טָאג בַּיי תַּחֲנוּן, אוּן טֵייל זֶענֶען זִיךְ מִתְוַודֶה אוֹיךְ בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן "שְׁמַע קוֹלֵנוּ", אוֹיךְ דִי וָואס זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זֶענֶען זִיךְ דָארְט נָאכְאַמָאל מִתְוַודֶה.

דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט גֶענוּג, וַוייל אַסַאךְ מָאל הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט דֶער קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, אוּן עֶר טְרַאכְט אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט. דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אוּן מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעפִילְן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין צוּ אִים, אוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן. אוּן דָאס וֶועט מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן אִים אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

### אִיךְ מֵיין עֶס נִישְׁט אֱמֶת'דִיג

אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס הַאלְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין אִיז דָאס וָואס עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר מֵיינְט דָאךְ נִישְׁט אֱמֶת'דִיג וָואס עֶר זָאגְט. עֶר זָאגְט טַאקֶע פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, אוּן אַז עֶר גֵייט שׁוֹין פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער אֵייבִּיג זַיין עֶרְלִיךְ אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן נָאר גוּט. עֶר וֵוייסְט דָאךְ אָבֶּער טִיף אִין הַארְץ דֶעם אֱמֶת אַז עֶר זָאגְט דָאס נִישְׁט אֱמֶת'דִיג מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְאַמָאל דוּרְכְפַאלְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אֱמֶת'דִיג אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן עֶס נוּצְט אוֹיךְ. אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן בִּלְעָם, זָאגְט דָארְט דֶער פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כה, לד) "וַיֹּאמֶר בִּלְעָם אֶל מַלְאַךְ ה׳ חָטָאתִי" - בִּלְעָם הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן מַלְאָךְ אַז עֶר אִיז זִיךְ מוֹדֶה אוּן מִתְוַודֶה אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ׳, ל"ו) אַז בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה אוּן זָאגְט "אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט", דַאן קֶען קַיין שׁוּם מַלְאָךְ אִים נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן שְׁלֶעכְטְס טוּן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ אַזַא רָשָׁע וִוי בִּלְעָם, וָואס עֶר הָאט זִיכֶער גֶעוָואלְט וַוייטֶער אוֹיךְ שְׁלֶעכְטְס טוּן; וִויבַּאלְד עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער מִתְוַודֶה גֶעוֶוען, הָאט מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטְרָאפְן. אִיז דָאךְ זִיכֶער בַּיי אוּנְז, וָואס מִיר זֶענֶען גָאר וַוייט פוּן צוּ זַיין אַזוֹי וִוי בִּלְעָם, יֶעדֶער אִיד ווִיל בֶּאֱמֶת זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, נָאר עֶר הָאט אַ שְׁוֶוערֶע יֵצֶר הָרָע; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים אַלֶעס מוֹחֵל, אוּן עֶס קֶען גָאר נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס צוּ אִים.

וֶוען אַ אִיד וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מִתְוַודֶה צוּ זַיין, אֲפִילוּ וֶוען אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט עֶר עֶס נִישְׁט זָאגְן מִיטְ'ן גַאנְצְן אֱמֶת אוּן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, וֶועלְן אָבֶּער דִי וֶוערְטֶער צוּבִּיסְלֶעךְ אַרַיינְגֵיין מֶער אוּן מֶער אִין זַיין הַארְץ, בִּיז עֶר וֶועט עֶס טַאקֶע יָא זָאגְן מִיט אַן אֱמֶת. עֶר וֶועט וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוּן וואוֹיל אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ וִדּוּי)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קכט)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ פָארְן קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב קוֹיפְן סְחוֹרָה.**

דָאס הָאט אִים אָבֶּער אוֹיךְ זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, עֶס הָאט אִים גֶעשְׁטָאכְן טִיף אִין הַארְץ אַרַיין, וַוייל לוֹיט וִוי שְׁטַארְק עֶר הָאט גֶעהַאט אֵיינְגֶעקְרִיצְט בַּיי זִיךְ צוּ גֶעדֶענְקֶען פוּנֶעם תַּכְלִית, אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ טָאג וָואס מֶען וֶועט דַארְפְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט, אוּן מֶען דַארְף זַיין גְרֵייט דֶערְצוּ יֶעדֶע רֶגַע אוּן יֶעדֶע מִינוּט, אַלֶע טֶעג פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען פּוּנְקְטְלִיךְ אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אוּן גֶעצֵיילְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶע שָׁעָה וָואס עֶר גֵייט פַארְבְּרֶענְגֶען מִיטְ'ן קוֹיפְן דִי סְחוֹרָה אִיז אַן אֵייבִּיגֶע פַארְלוּסְט, אַן אֲבֵידָה וָואס מֶען גֵייט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק בַּאקוּמֶען, אַ שָׁאדְן פוּן אַזוֹיפִיל גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְדִינְסְטְן וָואס עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט אַרַיינְכַאפְּן אִין דִי צַייט.

פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר מְסַפֵּק, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְן וָואס צוּ טוּן, אוֹיבּ עֶר זָאל זִיךְ וַוייטֶער עַקְשְׁנְ'עֶן אוֹיף אוֹיף דֶעם, אַז עֶר זָאל נִישְׁט דַארְפְן גֵיין אַיינְקוֹיפְן דִי סְחוֹרָה, וַוייל זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער הָאבְּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן טְרַאכְטְן אַז אֶפְשָׁר אִיז דָאס יֶעצְט דֶער רָצוֹן ה׳ אַז עֶר זָאל יָא אַבִּיסְל עוֹסֵק זַיין אִין הַאנְדְלֶען אוּן מַאכְן פַּרְנָסָה, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ עֲבוֹדַת ה׳, אוּן וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ל"ה:) "הַרְבֵּה עָשׂוּ כְּרַבִּי שִׁמְעוֹן וְלֹא עָלְתָה בְּיָדָם", נִישְׁט יֶעדֶער קֶען זַיין וִוי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי וָואס הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן אַרְבֶּעטְן פַאר פַּרְנָסָה, אַזוֹי הָאט אִים גֶעעֶגְבֶּערְט אִין קָאפּ דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז אַ דִיבּוּר הָאט אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ צוּ צִיעֶן דָאס הַארְץ פוּן אַ מֶענְטְשׁ, רֵייד קֶענֶען שְׁטַארְק שְׁלֶעפְן אַ מֶענְטְשׁ, סֵיי צוּ גוּטְס אוּן סֵיי צוּ פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם.

דִי נַאכְט אֵיידֶער עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פָארְן קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב אַיינְקוֹיפְן סְחוֹרָה, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט צוּ זַיין בַּאשְׁטִימְטֶע פְלַאץ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן דָארְט וֶועט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס גַאנְצֶע הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים אַז עֶר זָאל אִים פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, אַז עֶר זָאל ווִיסְן וָואס עֶר דַארְף צוּ טוּן, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְרִירְן פוּן דֶעם רָצוֹן ה׳. אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען בַּיינַאכְט מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע צְדָדִים אוּן סְפֵיקוֹת, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין גַאנְצֶע שְׁוֶוער הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן בִּיז אִינְדֶערְפְרִי.

פוּן דָארְט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל, אוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ דַאוֶוענֶען הָאט עֶר גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית וָתִיקִין. נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען, אַז אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל עֲגָלָה וָואס פָארְט קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב פְּלַאנְט עֶרְשְׁט אַרוֹיסְצוּפָארְן פַארְנַאכְטְס, אוּן דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען אַ לַאנְגֶע זוּמֶער טָאג, אוּן פוּן נֶעמִירוֹב קַיין בְּרֶסְלֶב אִיז בְּלוֹיז פוּפְצְן קִילָאמֶעטֶער, וֶועט עֶר צוּם עֶרְשְׁט זִיךְ אַרִיבֶּערְכַאפְּן קַיין בְּרֶסְלֶב זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר וֶועט נָאךְ קֶענֶען צוּרִיק קוּמֶען קַיין נֶעמִירוֹב בַּאצַייטְנְס.

עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן אַ בַּעַל עֲגָלָה וָואס פָארְט קַיין בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער מִיט זַיין גְרוֹיס בֶּענְקֶענִישׁ זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין צוּפִיס, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט עֶר וַוייטֶער גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פְּלוּצְלִינְג הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אִים אַ וָואגְן וָואס פָארְט קַיין בְּרֶסְלֶב, יֶענֶער הָאט אִים אַרוֹיפְגֶענוּמֶען אוּן אִים גֶעפִירְט קַיין בְּרֶסְלֶב.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

<<<<<< נייעס

זיך מסדר זיין אין דעם נייעם רחבות'דיגן בנין, און אזוי קענען אנגיין מיט ישוב הדעת מיט די ברייטע אקטיוויטעטן פון הדפסה און הפצה.

ווער עס איז זוכה אליין ארומצוגיין פארשפרייטן די הייליגע ספרים, אשרי לו ואשרי חלקו, דאס איז די גרעסטע זאך ביים אייבערשטן ווען מען ברענגט צוריק זיינע קינדער צו אים, אבער ווער עס קען דאס נישט באווייזן, קען זיך אויך נישט ארויסדרייען פון הפצה, מען דארף זיך אנשליסן אינעם בית הדפוס, יעדע וואך און חודש זאל מען געבן געלט צו קענען דרוקן און פארשפרייטן די ספרים, און מיט דעם האבן א גלייכער טייל אין די הייליגע פעולות.

נאך די דרשה האט מען געבענטשט ברכת המזון, און דער עולם זיך צוגאנגען מיט פרישע קבלות טובות זיך צו שטארקן ווייטער מיט די לימודים פון מוהרא"ש און ארויסהעלפן דאס פארשפרייטן איבער די וועלט.

נאך די סעודה האבן פילע אידן זיך איינגעקויפט פון די פילע זכותים וואס מען קען באקומען אין דעם נייעם בנין פאר'ן בית הדפוס, דאס איז זייער אייביגער זכות, וואס וועט בלייבן פאר זיי לנצח נצחים, און וועט זיי העלפן בזה ובבא, און גלייכצייטיג האבן מען זיך איינגעשריבן צו געבן געלט פאר'ן בית הדפוס אויף א חודש'ליכן פארנעם, צו האבן א חלק אין די כסדר'דיגע זכותים פונעם בית הדפוס.

צו מנדב זיין פאר'ן בית הדפוס קען מען רופן **718-387-2691 עקסטענשאן 103**, אדער אויף בליץ פאסט newbuilding@kerenhadfusa.org

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן טאקע זיך ווייטער האלטן אינאיינעם און ממשיך זיין צו דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב"א.

**לזכר עולם יהיה צדיק!**

***

## עפענונג פון תלמוד תורה "היכל הקודש" אין ירושלים עיה"ק

גאר גרויס פרייד הערשט ביי אנשי שלומינו אין ירושלים עיה"ק, צו די עפענונג פונעם נייעם תלמוד תורה "היכל הקודש" אין שטאט, וואס שטייט בנשיאות דעם ראש ישיבה שליט"א.

נאך פילע רצונות און בענקעניש, נאך פילע תפילות און בקשות, איז מען יעצט ענדליך אנגעקומען צו דעם פרייליכן מאמענט, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט "אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטון", אז די קינדער זאל אויך קענען אויפוואקסן מיט די הייליגע לימודים פון רבי'ן, מיט א שטארקע און קלארע אמונה, ארייננבאקן אין זיי אז נאר דער אייבערשטער פירט די וועלט, און יעדע זאך וואס מען וויל, זאל מען נאר בעטן פונעם אייבערשטן.

יעצט גייען מיר אריין אין די פערטע וואך פון דעם נייעם חדר, די עלטערן און די קינדער צוגלייך זענען אזוי פרייליך און צופרידן, די קינדער לויפן אין חדר פרייליך און לוסטיג מיט געשמאק, און האבן אזוי הנאה יעדע מינוט, און די עלטערן זענען זיך מחי' צו הערן ווי די קינדער קענען אזוי גוט די לימודים וואס מען האט געלערנט אין חדר, און האבן שוין אויך צו דערציילן פילע "מעשיות פון תפלה", זאכן וואס זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן.

עס האט זיך אנגעהויבן אויף א קליינעם פארנעם בכמות, אבער באיכות איז עס גאר גרויס. אין א בריוו וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן צו די הנהלה פונעם מוסד, שרייבט ער בתוך הדברים, "מזל טוב פאר די עפענונג פון די תלמוד תורה היכל הקודש אין ירושלים עיר הקודש; דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין מיט די חדר, איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע מעשים. איך שיק אייך א בריוו וואס מוהרא"ש האט מיר געשריבן ביים עפענען אונזער מוסד בית פיגא, מוהרא"ש דערציילט ווי אזוי עס האט זיך געעפנט די סאטמאר מוסדות, אזוי ווי דער חדר אין ירושלים מיט צוויי קינדער, און היינט איז דאס די גרעסטע מוסד אין די וועלט; ווייל אז מען גייט מיט'ן אייבערשטן לשם שמים איז דא הצלחה", און דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט ווייטער, "איך וויל קלארשטעלן אז אונזער מוסד זאל נישט האבן קיין שום שייכות מיט די רעגירונג, איך וויל נישט נעמען קיין פרוטה פון זיי, אויך זאל מען לערנען אין אונזערע מוסדות נאר אידיש".

דער אייבערשטער זאל טאקע העלפן אז דער נייער תלמוד תורה זאל שיין מצליח זיין, אנקומען צום ציל אויפצוציען ערליכע אידישע קינדער וואס זאלן זיין שטאלצע סאלדאטן פאר'ן הייליגן באשעפער און זיין תורה.

**אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל תינוקות של בית רבן!**

***

## שבת התוועדות פרשת ויקרא הבעל"ט

ווי געמאלדן וועט דער שבת התוועדות סיום סדר מועד פארקומען שבת פרשת ויקרא הבעל"ט, ווען מען וועט זיך צוזאמנעמען אינאיינעם אויף גאר א געשמאקע שבת, צוגעשטעלט אויף א ערליכן און געשמאקן פארנעם, אין די פראכטפולע קראון פלאזא סטעמפארד האטעל. די עסקנים האבן געמאלדן אז עס ווארט א ערליכע שבת, מען וועט פארברענגען בשבת אחים, דאווענען אינאיינעם, עסן די סעודות שב"ק און זינגען זמירות שב"ק, הערן דרשות התחזקות, פון וואס מען וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף באקומען התחזקות און כח אנצוגיין פאר זיך און פאר די גאנצע פאמיליע פאר א לאנגע צייט.

די עסקנים האבן אפגעדינגען דעם גאנצן האטעל מיט אלע צימערן, פון וואס פילע צענדליגע זענען שוין אויסגעכאפט געווארן. די "עירלי ביורד ספעשל" פון $985 פאר א פארפאלק, ענדיגט זיך **דעם זונטאג פרשת משפטים**, נאכדעם וועט די פרייז ארויפגיין צו $1085 פער קאפל. רופט שוין 347-415-2888.

**השבת נועם הנשמות!**

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## פַּארְוָואס גֶעבְּט מֶען נִישְׁט אַכְטוּנְג דִי וֶועלְט זָאל נִישְׁט אוּנְטֶערְגֵיין?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אִיבֶּער אַ זַאךְ וָואס לָאזְט מִיר נִישְׁט מְנוּחָה, אִיךְ בִּין בְּטֶבַע זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע דַייקָן, אִיךְ גֵיי נָאךְ זַאכְן בִּיזְ'ן סוֹף. בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעלֵיינְט אִיבֶּער פָּאלוּשְׁן אוּן עֶנְוֶוייעָרָאנְמֶענְט, אִיךְ וֵוייס אַז אַסַאךְ זַאכְן וָואס מֶען זָאגְט אִיבֶּער דֶעם זֶענֶען טַאקֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אָבֶּער ס'אִיז יָא דָא זַאכְן וָואס אִיז אַ מְצִיאוּת, אוּן מֶענְטְשְׁן מַאכְן זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג פוּן דֶעם.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶס אִיז נָאר דָא אַ גֶעוִויסֶע סְכוּם גֶעז אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אַנְשְׁטָאט אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְנוּצְן, נוּצְט מֶען עֶס אָן אַ חֶשְׁבּוֹן. יֶעדֶעס מָאל אִיךְ פִּיל אָן דִי טַאנְק פוּן מַיין קַאר מִיט גֶעז, דְרִיקְט מִיר דִי הַארְץ אוֹיף דֶעם, אוֹיךְ מַאכְט עֶס פַארְפֶּעסְטֶעט דִי לוּפְט מִיט פָּאלוּשְׁן, מֶענְטְשְׁן אָטֶעמֶען עֶס אַרַיין אוּן נָאכְדֶעם וואוּנְדֶערְט מֶען זִיךְ אַז עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל מַחֲלוֹת ל"ע.

אַן עֶלֶעקְטְרִיק קַאר אִיז נָאךְ פִיל עֶרְגֶער, וַוייל וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט נוּצְן דִי בֶּעטֶערִי מַאכְט עֶס אַ מוֹרָא'דִיגֶע חוּרְבָּן אוֹיף דִי עֶנְוֶוייעָרָאנְמֶענְט.

דָאס קֶען מֶען פַאקְטִיש זֶען אַז דִי וֶועלְט וֶוערְט אַלְץ מֶער וַוארֶעמֶער, אוּן עֶס קוּמְט לֶעצְטְנְס מֶער הָארִיקֶעינְס אוּן עֶרְד צִיטֶערְנִישְׁן צוּלִיבּ דֶעם. לֶעצְטֶע יָאר, וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי קָארָאנֶע צַייט, הָאט מֶען גֶעזֶען בְּחוּשׁ אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען מֶער אַ קֶעלְטֶערֶע ווִינְטֶער, דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט גֶענוּצְט אַזוֹיפִיל קַארְס אוּן עֶרָאפְּלַאנֶען.

אוֹיךְ פְּלֶעסְטִיק נוּצְט מֶען אוֹיס אָן אַ חֶשְׁבּוֹן, אוּן מֶען פַארְדַארְבְּט דִי עֶנְוֶוייעָרָאנְמֶענְט מִיט דֶעם. מֶען וַוארְפְט אַזוֹי סַאךְ פְּלֶעסְטִיק אִין דִי מִיסְט, אַז אֵיין טָאג וֶוען עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין מֶער קַיין פְּלֶעסְטִיק וֶועט מֶען זִיךְ רַייסְן דִי הָאר פוּן קָאפּ.

אוֹיךְ הַאקְט מֶען אוֹיס גַאנְצֶע וֶועלְדֶער פוּן בֵּיימֶער צוּ בּוֹיעֶן הַייזֶער, וָואס דִי בֵּיימֶער פֶעלְט אַזוֹי וִויכְטִיג אוֹיס פַאר דִי וֶועלְט, סֵיי פַאר דִי אָקְסִידְשֶׁען אוּן סֵיי פַאר דִי חַיוֹת זָאלְן הָאבְּן וואוּ צוּ וואוֹינֶען.

אִיךְ זֶע אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אַזוֹיפִיל דְרָשׁוֹת, אוּן עֶס קוּמְט אָן צוּ אַזוֹי סַאךְ מֶענְטְשְׁן, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען רֶעדְן אוֹיךְ פוּן דֶעם, מֶענְטְשְׁן זָאלְן וִויסְן אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוּן נִישְׁט צוּגְרוּנְד לֵייגְן דִי וֶועלְט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ח' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בַּארוּאִיג זִיךְ, דִי וֶועלְט פַאלְט נִישְׁט צַאם, עֶס אִיז דָא אַ בַּעַל הַבַּיִת וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי וֶועלְט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, עֶר הַאלְט דִי וֶועלְט, עֶר פִירְט עֶס הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אוּן דִי וֶועלְט וֶוערְט אַלְץ שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער.

אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלז; סִימָן שז) אִין אָנְהֵייבּ אִיז דִי וֶועלְט גֶעוֶוען פּוּסְט אוּן וִויסְט, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין תּוֹרָה, נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעצְנְדִינֶער, מֶען הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה; בִּיז שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעקוּמֶען אַבְרָהָם אָבִינוּ, עֶר הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט; עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן עֶר אִיז אַלֶעס.

שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעוֶוען מַתַּן תּוֹרָה, אִיז דִי וֶועלְט גֶעוָוארְן נָאךְ שֶׁענֶער, נָאכְדֶעם זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים – אִיז דִי וֶועלְט גֶעוָוארְן נָאךְ שֶׁענֶער, דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער", אוּן עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ רֶעדְן דִי אַלֶע זַאכְן וָואס דִי

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>> שו"ת ברסלב

אוּמוֹת הָעוֹלָם רֶעדְן, אַז דִי וֶועלְט גֵייט אוּנְטֶערְגֵיין; דִי אַלֶע וָואס זָאגְן אַז דִי וֶועלְט גֵייט צַאמְפַּאלְן צוּלִיבּ דִי זַאכְן וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט וְכַדוֹמֶה - דָאס קוּמְט פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה.

לֵייג זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם פְּחָדִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען - אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחֲלוֹת, אוּן זֵיי לַיידְן פוּן דֶעם נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צַאם. זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחֲלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה, דַאן הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִילָה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יִסּוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט פְּחָדִים, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶער רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז 'מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל', - דַאן לֶעבְּט עֶר אַ רוּאִיג לֶעבְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט פַּארְפַאסְט אַ נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער וֶוען עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין אָנְהוֹיבּ, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אַלֵיינְס אִין וַואלְד, פוּן דִי חַיוֹת וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", עֶר הָאט דָאס גֶע'חַזְרְ'ט אָן אַ שִׁיעוּר, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פַּחַד פוּן קֵיינֶעם, פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי שֵׁיינֶע נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת א, ב): "עַל שְׁלֹשָׁה דְבָרִים הָעוֹלָם עוֹמֵד", דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דְרֵיי זַאכְן, "עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה וְעַל גְּמִילוּת חֲסָדִים"; אִידִישֶׁע קִינְדֶער קֶענֶען הֶעלְפְן דִי וֶועלְט זָאל שְׁטֵיין דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען טוּט חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע. אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען הֶעלְפְן דִי וֶועלְט זָאל נִישְׁט אוּנְטֶערְגֵיין דוּרְכְ'ן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה, חֲדָרִים, יְשִׁיבוֹת אוּן מֵיידְל שׁוּלֶע'ס, וַוייל אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן דִי קִינְדֶער שְׁטֵייט דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן", דִי וֶועלְט קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין נָאר אַז קִינְדֶער לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט
הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּשַׁלַּח תשפ"ב)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'
# סעודת הילולא צו די יארצייט פון מוהרא"ש זי"ע

די יומא דהילולא קדישא פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע איז אויסגענוצט געווארן דורך אידן איבער דער גארער וועלט בכלל, און דורך אנשי שלומינו בפרט, זיך צו דערמאנען די ליכטיגע זכרונות פון מוהרא"ש און צו איבער'חזר'ן זיינע הייליגע לימודים און עס אנהאלטן אויך אויף ווייטער.

אין לויף פון זיין גאנצן הייליגן לעבן האט מוהרא"ש נאר געוואלט איין זאך, און אויף דעם האט ער געארבעט טאג און נאכט, אריינצוברענגען די לימודים פון הייליגן רבי'ן אין יעדע אידישע הויז איבער די גאנצע וועלט. צו שטארקן און מחזק זיין יעדן איד אז ער זאל וויסן און געדענקען אלעמאל אז דער אייבערשטער איז שטענדיג מיט אים, און אין סיי וועלכע מצב א איד געפונט זיך נאר קען ער אייביג זיין נאנט צום אייבערשטן, און ער קען זיך שטענדיג צוריק קערן צום אייבערשטן.

יעצט, אין די צייט פון די יומא דהילולא קדישא, דערמאנען זיך אידן ווי אזוי זיי האבן באקומען חיזוק פון די הייליגע ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש במשך די אלע יארן, און נוצן אויס די צייט ווייטער ממשיך צו זיין צו לערנען די הייליגע ספרים און צו מקיים זיין וואס דארט שטייט, און מיט דעם זיך איינקויפן א פרייליך און גליקליך לעבן ברוחניות ובגשמיות.

דורכאויס די גאנצע וואך, ובפרט אין די טאג פון יארצייט, האבן פילע אידן פון איבער די גאנצע וועלט פוקד געווען דעם ציון הקדוש אין יבנאל און זיך אויסגעבעטן בדבר ישועה ורחמים, אזוי ווי מוהרא"ש האט צוגעזאגט אין זיין צוואה אז ווער עס וועט מתפלל זיין ביי זיין קבר וועט ער זיך משתדל זיין צו איינרייסן און פועל'ן פאר יענעם א ישועה. פילע האבן זוכה געווען אויסצוזאגן גאנץ תהלים בלי הפסק ביים ציון הק', אזוי ווי מוהרא"ש האט מבטיח געווען און געהייסן דאס אויסקריצן אויף זיין מצבה אז יעדער וואס דארף א שידוך וואס וועט דארט אויסזאגן גאנץ תהלים לזכותו, וועט זיכער געהאלפן ווערן מיט א שידוך בקרוב ובניקל.

מוהרא"ש האט געשריבן אין זיין צוואה אז אזוי ווי ביי זיין לעבן זענען אידן נתעורר געווארן צו תשובה דורך אים, די זעלבע וועט אויך זיין נאך זיין הסתלקות אז ווער עס וועט קומען צו זיין קבר וועט נתעורר ווערן תשובה צו טון און זיך צוריק צו קערן צום אייבערשטן. און דאס האט ספעציעל געקענט זען יעצט ביי די יומא דהילולא, די געוואלדיגע התעוררות וואס האט געהערשט אויפ'ן פלאץ, ווען פילע אידן האבן שופך שיח געווען און זיך אויסגעגאסן דאס הארץ ביים ציון הקדוש.

דאהי אין אמעריקע איז פארגעקומען דער צענטראלער סעודת הילולא דעם דינסטאג נאכט בבית מדרשינו אין וויליאמסבורג. עס זענען זיך צוזאמגעקומען פילע הונדערטער אידן פון איבעראל זיך צו שטארקן אינאיינעם אין דעם געהויבענעם טאג. ביי די סעודה האט מען געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארויסגעברענגט ווי שטארק מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אויף די געוואלדיגע מתנה וואס מיר האבן באקומען אז מיר האבן געהאט מוהרא"ש מיט אונז וואס האט אונז געלערנט די הייליגע לימודים פון רבי'ן, און די לימודים זענען ווייטער חי וקים, מיר דארפן עס נאר ווייטער לערנען און חזר'ן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז ווען ס'קומט צו רעדן פון מוהרא"ש, איז דאס זייער שווער, מוהרא"ש האט אונז אזויפיל געגעבן אין לעבן, ער האט אזוי סאך געהאלפן אזויפיל אידן איבער די וועלט, אז ס'איז ממש נישט מעגליך דאס אראפצוברענגען און איבערדערציילן, כל המוסיף גורע, וויפיל מ'וועט רעדן וועט קיינמאל נישט זיין גענוג. דעריבער איז דער עיקר צו רעדן פון די לימודים און די עצות פון מוהרא"ש, ווי אזוי מיר קענען זיך שטארקן אין זיי און דאס ווייטער פארשפרייטן, דאס זענען די גרעסטע מופתים פון מוהרא"ש, און דאס איז וואס מיר דארפן חזר'ן כסדר. אזוי ווי רבי נתן האט געזאגט אויפ'ן רבי'ן, אז די עיקר מופתים וואס מ'האט געזען ביים רבי'ן איז געווען אז יעדער איד וואס איז געקומען צום רבי'ן, ער האט אויסגעהערט און גענומען די עצות פון רבי'ן, איז געווארן איבערגעדרייט צו א נייער מענטש, ער איז געווארן אן אמת'ער ערליכער איד. דאס איז אן אמת'ער רבי, דער וואס קען העלפן אידן, ער קען אין זיי אריינברענגען א ריינע אמונה, ער קען אין זיי אריינברענגען א שטארקייט און א פרישקייט זיך שטענדיג אויפצוהויבן און זיך שטארקן צו דינען דעם אייבערשטן. לאמיר זיך שטארקן מיט אלע עצות וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט, וועט אונז זיין גוט אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

מיר טארן דאס אבער נישט האלטן נאר פאר זיך, יעדער פון אנשי שלומינו ווייסט ביי זיך ווי אזוי ער האט אויסגעזען איידער ער האט געטראפן דעם הייליגן רבינ'ס עצות, ווי אזוי די ספרים, קונטרסים, און דרשות האבן אים אויפגעלעבט, אים געוויזן אז ער קען נאך מצליח זיין, אים געגעבן א וועג ווי אזוי זיך אומצוגיין אין לעבן אין יעדן פרט ופרט, ברוחניות ובגשמיות, און ווי אזוי די דיבורים שלעפן אים יעדן טאג צוריק נאכאמאל צום אייבערשטן, און דאס דארף אונז מעורר זיין אז עס זענען נאך דא אזויפיל אידן וואס קענען דאס נוצן אין לעבן, וואס קענען געהאלפן ווערן מיט אלע זייערע פראבלעמען מיט וואס זיי מוטשען זיך, און דעריבער דארף מען עוסק זיין אין הפצה, יעדער דארף נעמען א חלק אין פארשפרייטן דעם רבינ'ס לימודים פאר נאך אידישע קינדער.

דער בית הדפוס גייט אן מיט'ן פולסטן ברען, הונדערטער טויזנטער ספרים, קונטרסים, גליונות, ווערן געדרוקט און פארשפרייט וואך איין וואך אויס, און דאס קאסט אפ שווערע געלטער, ובפרט יעצט ווען מען ענדיגט צו דאס אפקויפן א נייעם גרויסן בנין פאר'ן בית הדפוס אין ליבערטי, דארף יעדער נעמען א חלק אין דעם, זיך אנשטרענגען מער פון אלע מעגליכקייטן, נישט ארויסלאזן דעם איינמאליגן געלעגנהייט צו קענען

<<<<<<


## זייט מתפלל!

פאר ר' יצחק בן פייגלא

פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב



## הילולת מוהרא"ש

ווער איז מוהרא"ש געווען?
וואס באקומען מיר פון מוהרא"ש?
וואס לערנט אונז מוהרא"ש?

קול ברסלב

212-444-9191

1, 2, 3, 7, 3



## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

347-509-4908

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים



קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל breslevcenter@gmail.com

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876